אויף באלדיגע פובליקירונג: 9/28/2021 גאווערנאר קעטי האוקאל

**גאווערנאר האוקאל אנערקענט 101 געפאלענע פאליציי אפיצירן וועלכע האבן מקריב געווען זייערע לעבנס אין דינסט פון זייערע קאמיוניטיס**

***די ניו יארק סטעיט פאליציי אפיצירן אנדענק געשעעניש באעהרט 18 אפיצירן וועלכע זענען אומגעקומען אין דינסט און 83 וועלכע זענען אומגעקומען פון גראַונד זערא-פאראורזאכטע קראנקייטן***

***גאווערנאר האוקאל באפעלט אז סטעיט וויכטיגע געביידעס זאלן באשיינט ווערן אין בלוי אום סעפטעמבער 28 צו באעהרן די געפאלענע אפיצירן און אנערקענען די דינסט פון אלע פאליציי אפיצירן איבערן סטעיט***

גאווערנאר האוקאל האט היינט באעהרט 101 געפאלענע פאליציי אפיצירן וועלכע האבן מקריב געווען זייערע לעבנס אין דינסט פון זייערע קאמיוניטיס איבער ניו יארק סטעיט. די נעמען פון די אפיצירן, וועלכע האבן געדינט אין 10 אנדערע אגענטורן, זענען צוגעלייגט געווארן צו די ניו יארק סטעיט פאליציי אפיצירן אנדענק (New York State Police Officers Memorial) וועלכע איז אוועקגעשטעלט געווארן 30 יאר צוריק אויף די עמפייער סטעיט פלאזא אין אלבאני, און עס שטייען יעצט דערויף די נעמען פון 1,668 אפיצירן וועלכע זענען אומגעקומען אין דינסט. מער פון 300 מענטשן האבן זיך באטייליגט ביי די אנדענק צערעמאניע היינט נאכמיטאג, דורכאויס וועלכע די גאווערנאר האט געזאגט אפאר ווערטער.

"מיר געדענקען 101 בראווע פרויען און מענער וועלכע האבן איבערגעגעבן זייערע לעבנס כדי צו באשיצן און דינען די מענטשן פון ניו יארק סטעיט, און עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן באעהרן זייערע ביישטייערונגען צו די זיכערהייט פון אונזער פובליק", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "די בראווע אפיצירן האבן אריינגעלייגט זייערע לעבנס אין געפאר כדי די איבעריגע פון אונז זאלן קענען בלייבן זיכער, און מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן זייער זעלבסטלאזע ביישטייערונגען וואס זיי, זייערע פאמיליעס און זייערע באליבטע האבן געמאכט."

די היי-יאריגע צערעמאניע באעהרט 10 ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט אפיצירן וועלכע זענען אומגעקומען אין דינסט אין 2019 און אין 2020; 83 אפיצירן פון די NYPD, פארט אויטאריטעט פאליציי דעפארטמענט, ניו יארק סטעיט פאליציי, סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) פאליציי, קאַיוּגע קאונטי שעריף'ס אפיס, העריסאן פאליציי דעפארטמענט און סופאלק קאונטי פאליציי דעפארטמענט וועלכע זענען אומגעקומען פון קראנקייטן וועלכע זענען פאראורזאכט געווארן דורך זייער ארבעט אויף גראַונד זערא נאכפאלגנדיג די סעפטעמבער 11, 2001 טעראר אטאקע אויף די ווארלד טרעיד צענטער; און אכט אפיצירן פון די סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס, CSX פאליציי דעפארטמענט, מאנטגאָמרי קאונטי שעריף'ס אפיס, NYPD און PAPD, אלע פון וועלכע זענען אומגעקומען אין דינסט בעפאר 2019.

צוויי NYPD אפיצירן זענען געשאסן און אומגעברענגט געווארן אין דינסט אין 2019, און אכט אנדערע זענען אומגעקומען לעצטע יאר נאכן זיין אויסגעשטעלט צו קאוויד-19 בשעת'ן ארבעטן דורכאויס די

הויכפונקט פון די פאַנדעמיע. די נעמען פון די אפיצירן וועלכע זענען אומגעקומען פון גראַונד זעראָ-פאראורזאכטע קראנקייטן זענען יעצט א סך הכל פון 300; די נומער איז אין צוגאב צו 62 ,NYPD און PAPD פעדעראלע אפיצירן וועלכע זענען געהרג'ט געווארן אויפן טאג פון די אטאקע.

גאווערנאר האוקאל האט אויך באפעלט אז די פאלגנדע וויכטיגע געביידעס זאלן באשיינט ווערן אין בלוי דעם אוונט צו באעהרן די געפאלענע אפיצירן וועמענס נעמען שטייען אויף די אנדענק און צו אנערקענען די דינסט פון אלע פאליציי אפיצירן איבערן סטעיט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאַקט
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פּען סטאנציע
- די גאווערנער מאַריאו מ. קאומאו בריק
- די קאַסיאָסקאָו בריק
- די פרענקלין ד. רוזעוועלט מיד-האדסאן בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד עריינגאנג
- דער לעיק פּלאסיד אלימפּישע שפּרינגען קאמפּלעקס
- די הויפּט עריינגאנג טויער און עקספּאָו צענטער ביי די סטעיט פעירגראַונדס
- ניאגארא וואסערפאלן

די שטאב פון די פאליציי אפיצירן אנדענק אדווייזארי קאמיטע באשטייען פון סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) איינגשטעלטע, און זיי פירן אן די צערעמאניע וועלכע קומט פאר יערליך זינט די אנדענק איז אויפגעשטעלט געווארן אום 1991 – חוץ פון 2020, ווען עס איז אפגערופן געווארן צוליב די קאוויד-19 פאנדעמיע.

**DCJS עקזעקיוטיוו דעפּיוטי קאמישאנער און אדווייזארי קאמיטע טשעיר, מייקל סי. גרין, האט געזאגט,** "יעדן טאג לייגן פאליציי אפיצירן איבער אונזער סטעיט און איבער אונזער לאנד אריין זייערע לעבנס אין געפאר כדי צו באשיצן די פובליק. די אפיצירן וועם מיר באעהרן היינט האבן באצאלט די גרעסטע פרייז מיט זייערע אייגענע לעבנס, און מיר זענען שולדיג פאר זיי און פאר זייערע באליבטע צו זיכער מאכן אז זייער קוראזש און געטריישאפט צו די דינסט פונעם פובליק ווערט קיינמאל נישט פארגעסן."

די סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) האט אויספלאנירט די אנדענק, די רענאוואציע און פארברייטערונג וועלכע איז פארענדיגט געווארן אין 2019. נעמען ווערן איינגעקריצט אויף די וואנט אין א סדר און אין די ראנג, באזירט אויף א געדאנק אריינגעגעבן דורך קאָלין דילאן בערגמאן, די טאכטער פון טרופּער עמערסאן דזש. דילאן דזשוניאר וועלכער איז אומגעקומען אין דינסט אין 1974 נאך 16 יארן פון דינסט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי. א ציטאט פון מרת בערגמאן'ס בריוו איז איינגעקריצט אויף די וואנט מיט די נעמען לייענענדיג: ". It doesn't matter from which department they came, the feeling of loss is experienced the same" (עס מאכט נישט אויס פון וועלכע דעפּארטמענט דו ביזט געקומען, די געפיל פון פארלוסט פיהלט די זעלבע).

**OGS קאמישאנער ראָ-ען דעסטיטא האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע צו דינען אלץ פאראנטווארטליכע פאר די ניו יארק סטעיט פאליציי אפיצירן אנדענק, וועלכע דינט אלץ א נאבעלע דערמאנונג פון די אפיצירן'ס קוראזש, געטריישאפט און מסירות נפש. היינט צייכענען מיר אפ די ערשטע צערעמאניע וואס

ווערט אפגעהאלטן ביי די אנדענק זינט OGS האט פארענדיגט די רענאוואציעס אין 2019, און עס איז אונזער אמת'דיגע האפענונג אז די פאמיליעס און באליבטע פון די וועלכע זענען פארלוירן געווארן וועלן דאס זעהן אלץ א טרייסטנדע פלאץ צו באזוכן און געדענקן."

זעהט די [פולע עהרע טאוועל](#) (Roll of Honor) צו טרעפן די נאמען פון אן אפיציר אויף די אנדענק. די פאלגנדע אפיצירן זענען אנערקענט געווארן ביי די הײנטיגע צערעמאניע:

## 2020 טויטפעלער אין דינסט

*יעדע פון די פאלגנדע אפיצירן האט געדינט אין די NYPD און אומגעקומען אלץ רעזולטאט פון זיין איסגעשטעלט צו קאוויד-COVID-19.19.*

**דעטעקטיוו רעימאנד סי. אבער** (אפריל 13, 2020)

**דעטעקטיוו ראבערט א. קארדאנע** (אפריל 15, 2020)

**דעטעקטיוו סעדריק דיקסאן** (מערץ 27, 2020)

**דעטעקטיוו קריסטאפער ב. מקדאַנעל** (מאי 6, 2020)

**טשיעף וויליאם ט. מאריס** (יוני 6, 2020)

**פאליציי אפיציר עריק ק. מורעי** (אפריל 9, 2020)

**דעטעקטיוו דזשעק וו. פאלימעני** (אפריל 10, 2020)

**דעטעקטיוו דזשעפרי א. סקאלף** (אפריל 13, 2020)

## 2019 טויטפעלער אין דינסט

*ביידע אפיצירן האבן געדינט אין די NYPD.*

**דעטעקטיוו בריען סי. מולקין** און מיטגלידער פון זיין אנטי-פארברעכן שטאב זענען געשיקט געווארן אין פשוט'ע קליידער צו פעטראלירן א האוזינג דעוועלאפמענט אין די בראנקס ווען זיי האבן באמערקט א קרימינאל. א גײעג האט נאכגעפאלגט. דעטעקטיוו מולקין האט געכאפט דעם פארשוין און האט זיך געראנגלט מיט אים צו אוועקנעמען פון אים די רעוואלווער וואס דער פארשוין האט געטראגן מיט זיך. דעטעקטיוו מולקין איז באטראפן געווארן דורך פריינטליכע קוילן דורכאויס דעם אינצידענט. (סעפטעמבער 29, 2019)

**דעטעקטיוו בריען פּ. סיימאנסען** האט זיך אפגערופן צוזאמען מיט אנדערע אפיצירן צו א באריכט פון א ביזנעס רויבעריי. דעטעקטיוו סיימאנסען איז קאנפראנטירט געווארן דורך א פארדעכטיגטער וועלכער האט געטראגן א פאלשע רעוואלווער. קוילן זענען געשאסן געווארן, און דעטעקטיוו סיימאנסען איז באטראפן געווארן פון פריינטליכע קוילן. (פעברואר 12, 2019)

**<u>גראָונד זערא-פאַראורזאַכטע קראַנקייטן טויטפעלער</u>**

*די נעמען פון די אפיצירן וועלכע זענען אומגעקומען פון קראנקייטן זענען צום ערשט צוגעלייגט געווארן צו די אנדענק אום 2008.*

*<u>NYPD</u>*

**דעטעקטיוו לואיס ג. אלוואַרעז** (יוני 29, 2019)

**פאליציי אפיציר דעריק א. בישאפ** (סעפטעמבער 19, 2019)

**פאליציי אפיציר סקאַט ר. בלעקשאָ** (מאי 20, 2018)

**פאליציי אפיציר דזשעימס ב. בויל** (מאי 31, 2019)

**דעטעקטיוו ענטאני נ. בראָגנאַנאָ** (אוגוסט 8, 2019)

**פאליציי אפיצירן אודרי פ. קעפרע** (דעצעמבער 24, 2018)

**פאליציי אפיצירן יאָלאנדא קאולי** (אקטאבער 22, 2016)

**דעטעקטיוו קריסטאפער ע. קרענסטאן**(יולי 20, 2019)

**דעפיוטי טשיעף ווינסענט א. דעמארינאָו** (דעצעמבער 6, 2019)

**פאליציי אפיציר מייקעל א. דייעמאנד** (אקטאבער 9, 2018)

**פאליציי אפיציר קענעט עקס. דאָמענעק** (יאנואר 19, 2019)

**סארדזשענט טאמאס דזש. פענעסי** (יולי 19, 2019)

**פאליציי אפיציר קיט א. פערערא** (מאי 29, 2019)

**פאליציי אפיציר דזשאַן פ. פערארי** (יוני 18, 2018)

**פאליציי אפיציר עדווארד דזש. פיטצדזשעראלד** (סעפטעמבער 19, 2008)

**סארדזשענט גערי מ. פרענקלין** (אוגוסט 15, 2018)

**דעטעקטיוו שאָן פ. פרענקלין** (מאי 22, 2017)

**פאליציי אפיציר פרענק ל. געגליאנאָ** (מאי 13, 2020)

**פאליציי אפיציר טאמאס דזש. גאלאגער** (מערץ 12, 2018)

**סארדזשענט ווינסענט ק. גאָף** (מאי 12, 2019)

**פאליציי אפיציר מייקעל ה. גרעניס** (מערץ 10, 2020)

**פאליציי אפיציר ענטאני ר. הענלאן** (אקטאבער 21, 2018)

**פאליציי אפיציר רעימאנד ג. העריס** (אוגוסט 4, 2019)

**פאליציי אפיציר דזשאָוסעף פ. הייד** (יולי 20, 2016)

**דעטעקטיוו נעטאַניעל האלאנד, דזשוּניאר** (אפריל 5, 2013)

**דעטעקטיוו טשאַרלס דזש. האָמפרי** (אפריל 10, 2019)

**סארדזשענט דזשערעמייע דזש. האָנט** (אוגוסט 7, 2019)

**אינספעקטאר דזשאָסטין סי. לענץ** (יוני 18, 2020)

**פאליציי אפיציר פאול דזש. דזשאנסאן** (יולי 22, 2018)

**סארדזשענט מארק לאולער** (אוגוסט 11, 2014)

**דעטעקטיוו דזשעפרי א. לי** (יולי 16, 2018)

**דעטעקטיוו ענטאני ל. לאמבאַרדאָו** (נאוועמבער 17, 2019)

**דעטעקטיוו סקאָט ג. לאווענדאַל** (סעפטעמבער 14, 2019)

**דעטעקטיוו טאמאס דזש. לייאנס** (דעצעמבער 31, 2018)

**סארדזשענט מענדעל א. מארטין** (אוגוסט 6, 2003)

**סארדזשענט ראבער פ מאסקי** (יוני 9, 2018)

**פאליציי אפיציר פעטריק ט. מקגאָווערן** (מאי 2, 2019)

**אסיסטענט טשיעף דזשאַן ב. מקמענוס** (אפריל 14, 2020)

**ליוּטענאנט דזשעניפער מיהען** (דעצעמבער 17, 2018)

**פאליציי אפיציר גרעגארי וו. מעליטא** (מערץ 9, 2019)

**פאליציי אפיציר דזשאַן מינטשילי** (נאוועמבער 5, 2019)

**דעטעקטיוו דעניס פ. מוירפי** (אקטאבער 25, 2019)

**פאליציי אפיציר דזשעיסאן ה. אפנער** (יולי 25, 2017)

**פאליציי אפיציר ראבערט ארטיץ** (יולי 10, 2018)

**ליוטענאנט פיליפ ע. פענזערעלא** (אפריל 25, 2019)

**דעטעקטיוו דזשאָוסעף מ. פּאַולילאָו** (סעפטעמבער 9, 2019)

**פאליציי אפיציר וויליאם פּארקער** (סעפטעמבער 27, 2012)

**דעטעקטיוו פיליפ ט. פּערי** (מערץ 14, 2019)

**דעטעקטיוו דזשאָוסעף ל. פיטאָדאָו** (אקטאבער 26, 2018)

**פאליציי אפיציר נענסי פוקא** (מערץ 2, 2020)

**ליוטענאנט מייקעל פּ. רעימאָו** (אקטאבער 10, 2019)

**דעטעקטיוו ענדריע ר. רעינער** (יוני 25, 2019)

**פאליציי אפיציר ראבערט דזש. ריידי** (נאוועמבער 30, 2019)

**פאליציי אפיציר לאורענס דזש. ריווערא** (יולי 5, 2018)

**דעטעקטיוו דזשאָוסעף מ. ראָומען** (יאנואר 28, 2019)

**ליוטענאנט דזשעימס ע. רייען** (אפריל 29, 2018)

**דעטעקטיוו טאמאס סענטאָראָו** (יולי 21, 2019)

**סארדזשענט בארבארע דזש. סאָליווען** (יוני 7, 2018)

**פאליציי אפיציר מעניוּעל ווארגעס דזשוניאר** (נאוועמבער 1, 2018)

**פאליציי אפיציר דזשאָוסעף סי. וואגנער** (דעצעמבער 12, 2019)

**פאליציי אפיציר וויליאם ט. וואלש** (יאנואר 11, 2016)

**פאליציי אפיציר ענדרוּ ווארינג** (יוני 17, 2019)

**פאליציי אפיציר טאמאס וו. וואטערמאן** (יוני 3, 2019)

**פאליציי אפיציר וועיד דזש. וויליאמס** (נאוועמבער 18, 2018)

**פאליציי אפיציר ראבערט פּ יאָנג** (פעברואר 4, 2020)

*PAPD*

**ליוטענאנט דזשאַן ברענט** (יולי 19, 2018)

**ליוטענאנט וויליאם ע. דאָבראסקי** (נאוועמבער 23, 2020)

**סארדזשענט לאורענס א. גואַרניערי** (נאוועמבער 4, 2014)

**דעטעקטיוו טאמאס מ. אינמאן** (אפריל 12, 2020)

**ליוטענאנט ראבערט דזשאָונס** (יוני 15, 2019)

**פאליציי אפיציר דזשעימס וו. קענעלי** (יוני 17, 2017)

**פאליציי אפיציר וויליאם דזש. ליהי** (יוני 6, 2019)

**פאליציי אפיציר מארק דזש. מייער** (יולי 31, 2017)

**סארדזשענט ווינסענט דזש. אליווע** (נאוועמבער 27, 2013)

**פאליציי אפיציר פאול ד. פעלעס** (מערץ 14, 2011)

**פאליציי אפיציר מייקעל ע. טיל** (מערץ 21, 2019)

*ניו יארק סטעיט פאליציי*

**סארדזשענט/סטאנציע קאמאנדיר דזשעפרי מ. סיקאָרא** (אוגוסט 10, 2019)

**טרופער דזשעניפער א. צארנעקי** (דעצעמבער 5, 2020)

**פארשער רייען ד. פארטיני** (יאנואר 1, 2020)

*ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי*

**ענווייראמענטאלע אפהיטונג אפיציר סטעפען ל. רעימאנד** (אפריל 17, 2017)

*קאַיוגע קאונטי שעריף'ס אפיס*

**אונטערשעריף סטעפען ב. מקלאַוד** (אוגוסט 29, 2019)

*העריסאן טאַון פאליציי דעפּארטמענט*

**פאליציי אפיציר וואלטער ל. מעלינסאן** (סעפטעמבער 9, 2017)

*<u>סופאלק קאונטי פאליציי דעפּארטמענט</u>*

**פאליציי אפיציר קרעיג ל. קאַפּאָלינאָו** (יאנואר 30, 2013)

**<u>היסטארישע טויטפעלער אין דינסט</u>**

*די אנדענק טוט אויך באעהרן אפיצירן וועלכע זענען אומגעקומען אין דינסט פון זייערע קאמיוניטיס אין פארגאנגענע יארן, אבער פאר וועם די אגענטורן פאר וועלכע זיי האבן געארבעט האבן נישט אריינגעגעבן בעפאר אפליקאציעס אז זייערע נעמען זאלן איינגעקריצט ווערן.*

*<u>CSX פאליציי דעפּארטמענט</u>*

**פעטראלמאן וויליאם ע. דיל** האט געטוהן זיינע רעגלמעסיגע רונדעס אויף אן אלטן באן אין די זאמד ברעגע שטח אין די סקאָוטיע ווילעדזש ווען ער האט באמערקט דריי פארשוינען וועלכע האבן זיך אריינגעבראכן, און ער האט פרובירט זיי צו ארעסטירן. דורכאויס א געראנגל מיט די פארשוינען איז פעטראלמאן דיל געשאסן געווארן אינעם קאפ און די דריי פארדעכטיגטע זענען אנטלאפן. א זוכעריי דורך מער פון 100 פאליציי אפיצירן און שעריף'ס דעפּיוטיס פון מערערע אגענטורן האט געפירט צום כאפן די פארדעכטיגטע. (אקטאבער 11, 1933)

**דעטעקטיוו דעניעל פ. מקקרי** האט נאכגעיאגט פינף פארדעכטיגטע דורך א פארנומענע באָפעלאָו קריק באן שינעס נעבן פילמאָור עוועניו אין באָפעלאָו, ווען ער איז געשאסן געווארן פון די נאענט אין די קאפ. ער איז אומגעקומען פיר טעג דערנאך אין שפיטאל. (יוני 20, 1908)

*<u>NYPD</u>*

**פעטראלמאן דזשאַן טאמפסאן** איז געווען אויף פעטראל אויף א פערד מיט די געוועזענע ברוקלין פאליציי דעפּארטמענט ווען ער איז אלארמירט געווארן איבער אן אנטלאפענע פערד שלעפנדיג א וואגן. אזוי ווי די פערד און וואגן זענען געפארן אין זיין ריכטונג האט פעטראלמאן טאמפסאן געריטן אויף די זייט פון זיי פרובירנדיג צו אפשטעלן דעם פערד. אן אייזערנע שטאנג האט זיך אראפגעבראכן פון די וואג און דורכגעשטאכן פעטראלמאן טאמפסאן'ס פערד. אלץ א רעזולטאט איז פעטראלמאן טאמפסאן אראפגעשליידערט געווארן פון זיין פערד און געכאפט א קלאפ אין זיין קאפ; ער איז אומגעקומען 15 טעג דערנאך. (יאנואר 2, 1878)

**פעטראלמאן טאמאס א. הערבערט** האט אויסגעפארשט די אורזאך פון א קאר עקסידענט ביי די וויליאמסבורג בריק ווען א קאר האט אריינגעקראכט אין אים ווען די דרייווער האט פרובירט צו רוקן די קאר. פעטראלמאן הערבערט האט זיך צובראכן די ביינער פון די קאפ און האט געכאפט אנדערע אינערליכע וואונדן און איז אומגעקומען ביי די וויליאמסבורג שפיטאל. (אוגוסט 30, 1918)

*<u>PAPD</u>*

**פאליציי אפיציר דזשאַן דזש. קעין** איז געווען אינעווייניג אין די לינקאלן טונעל אנווייזנדיג די טראפיק כדי אויפהאלטונג מאנשאפטן זאלן קענען פאררעכטן פייער עקסטינגווישערס אינעווייניג אין די טונעל, ווען א טראק וואס האט זיך נישט אפגעשטעלט אין צייט האט אריינגקראכט אין אים. ער איז דערקלערט געווארן טויט אויפן ארט. (אקטאבער 26, 1950)

**סארדזשענט דזשאַן וו. מקקעיב** האט זיך אפגערופן צו אנווייזן שווערע טראפיק אינעווייניג אין די האלאנד טונעל ווען ער האט זיך אויסגעגליטשט אויף די טרעפל פון א טראק ווען די רעדל פון די טראק האט געפלאצט. ער איז אריינגעשליידערט געווארן אין א צעמענטענע וואנט און אומגעקומען פון זיינע וואונדן די קומענדיגע טאג. (אוגוסט 22, 1946)

_מאנטגאָמרי קאונטי שעריף'ס אפיס_

**דעפּיוטי שעריף עלוואוד פ. האנראהאן** האט געכאפט א פאטאלע הארץ אטאקע בשעת'ן זיך ראנגלען צו ארעסטירן א מענטש. (יאנואר 8, 1974)

_ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל"ס אפיס_

**ספעציעלע פארשער טאמאס ה. נילען** איז באאויפטראגט געווארן אין דעם אפיס ווען ער איז געפאלן א קורבן צו א רויבעריי און פארכאפונג זיך אומקערנדיג אהיים אין קווינס. ער איז אומגעברענגט געווארן אין א קוילן אויסטויש מיט זיינע אטאקירער. (נאוועמבער 8, 1980)

**קריטעריאנען צו איינגעקריצט ווערן**
צו איינגעקריצט ווערן אויף די אנדענק מוז א מענטש האבן געווען א פאליציי אפיציר לויט די סטעיט'ס קרימינאלע פראצעדור געזעץ (Criminal Procedure Law) אדער באשפעטיגט אלץ א פעדראלע געזעץ אינפארסירונג אפיציר און האבנדיג געהאט דורכגעפירט די זעלבע אדער גענוג ענליכע אויפגאבן ווי באאויפטראגט אין די געזעץ. אפליקאציעס צו איינגעקריצט ווערן אויפן אנדענק מוזן אריינגעגעבן ווערן דורך די אגענטור וואס האט באשעפטיגט דעם געפאלענעם אפיציר צו די DCJS.

אין צוגאב צו קאמישאנערס גרין און דעסטיטא, דינען די פאלגנדע מענטשן אויך אויף די אנדענק אדוויזארי קאמיטע: מייקעל אַמיערע, פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט פארבאנד פון פאליציי חסד פארבאנדן (Association of Police Benevolent Associations); פעטריק פילען, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט פארבאנד פון פאליציי טשיפס (Association of Chiefs of Police); פּיטער ר. קיהאָו, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט שעריף'ס פארבאנד (Sheriffs' Association); פעטריק דזש. לינטש, פרעזידענט פון די פעטראלמאן'ס חסד פארבאנד פון ניו יארק סיטי (Patrolmen's Benevolent Association of the City of New York); ענדרו ראַקאָווסקי, טשעפּטער פרעזידענט פון די פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן פארבאנד (Federal Law Enforcement Officers Association); און ריטשארד וועלס, פרעזידענט פון די פאליציי קאנפערענץ פון ניו יארק (Police Conference of New York).

די [אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס](#) האט א רייע פאראנטווארטליכקייטן, אריינרעכנענדיג טרענירונג פון געזעץ אינפארסירער; זאמלונג און אנאליזירונג פון פארברעכנס ציפערן פון איבערן סטעיט; אויפהאלטן קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע און פינגערדרוק דאקומענטן; אדמיניסטראטיווע איבערזיכט פון די סטעיט'ס DNA דאטאבאנק, אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; פינאנצירונג און איבערזיכט פון פראבעישען און קאמיוניטי אורטיילן פראגראמען; אויסטיילן פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ געלטער; און אנפירן די סטעיט'ס ליסטע פון באלעסטיגער (Sex Offender Registry).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן